בית אבי

לדמותו של אבי הרב הראשי באוקיניב

אבי הצדיק והחסיד הבקי בש״ס ובפוסקים, הרב המאה״ג מו״ה אליעזר שמואל יוסף בן הרב ר׳ דוד היה הרב הראשי באוקיניב, מילוסנה ורמברטוב. שימש בכס הרבנות 30 שנה בעיר אוקיניב ובשאלות ותשובות אבני נזר, דף ל״ג, יש כמה שאלות של אבי ז״ל, עליהן עונה בתשובותיו הרב הקדוש מסוכצ׳וב.

אימי הצנועה הרבנית פעשאַ בת ר׳ צבי, מותיקי הסידי אלקסנדר, איש חסיד ונדיב, עמלה בפרנסת הבית ובגידול בניה לתורה וליראת שמים. היו בבית 4 בנים, יחיאל ויואל נפטרו במיתה טבעית, דוד ואייזיק ניספו בשנות הפורענות. היו עוד שתי אחיות: רבקה וגולדה, וגם הן ניספו בשנות הפורענות בגיטו וארשה.

אבי ז״ל נפטר בתרפ״ד, אבל גיסי, בעלה של אחותי רבקה שהיה ממלא מקומו של אבי ז״ל, שימש כרב הראשי בעיירות אוקיניב ומילוסנה. היו לו בנים ובנות, וכולם נספו בשנות הפורענות בגיטו וארשה.

מסכת חייו והליכותיו של אבי צריכה לימוד. בעניני העולם היה ממש מחוסר עזרה בכל דרכיו, נפשו העדינה בחלה ממשחקי־כבוד זולים, אולם כאשר היה צריך לעשות למען הדת לא נרתע מכל קושי, לא חסך כל מאמץ ונלחם בעיז ובמרץ עד שהשיג את מטרתו.

כזה נתגלה כאשר נקרא לכהן כרבה של אוקיניב והעיירה היתה אַז בלי מקוה, כי נשרפה טרם בואו, התחיל מיד להשתדל לבנותה מחדש, ערך היכרות עם השלטונות ובמיוחד עם מושל המחוז בוורשה והשקיע הרבה עמל, יוזמה וחכמה עד שעלה בידו להשיג את הרשיון ולבנות את המקוה מחדש.

ענוותן היה אבי עד קצה הגבול ויותר מזה. סמל לטוהר הלב, לזוך וליופי הנפש האצילה. מעולם לא דיבר בגנותו של איש ותמיד נזהר בכבודו של חברו, וכל שכן שנזהר לבל יצער במשהו את מישהו, ניהל בעיר את עניני הרבנות ופעולות החסד, דאג לכל עניני הקהילה והתפקידים השלימו זה את זה בהרמוניה נפלאה.

כל מעייניו היו נתונים בעיקר ליהודי עירו, למצבם הרוחני ולשמירה על הצביון התורתי של החיים השוטפים, והתקשר בעבותות־אהבה אמיצים עם טובי

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
רמברטוב, אוקינוב, מילסונה: ספר קהילה (7) { } עמוד מס: 419 הודפס ע״י אוצר החכמה

למדניה של העיר ושמו כפוסק בדיני תורה נודע למרחקים. הריצו אליו שאלות מערים אחרות, פנו אליו בשאלת־עצה ובבקשת־סיוע מכל החוגים והשכבות. אף כי בדיני־תורה עמד על דעתו בתקיפות ולא חת מפני איש, היו הכל מחבבים אותו. האנשים חשו ברוך ובנועם ששפע ממנו.

כשהשיב את נשמתו הטהורה ליוצרה בא האדמו״ר מאמשינוב לנחם אותנו ואמר שהסתלקותו האבילה את יהדות התורה, כי הוא קיפל באישיותו דעת תורה ומדות תרומיות, מבני העליה שהם מועטים.

אמי פעשע, צנועה וקדושה, נפטרה בירושלים. היא היתה בתו של הנדבן המפורסם, ר׳ צבי זילברברג, מחסידי אלכסנדר; אשה שתוכה כברה, שמחשבתה, דיבורה ומעשיה צמודים היו זה לזה, ועל כן רבים העריכו, חיבבו והעריצו אותה.

הורי העמידו משפחה לתפארת. אחי יואל למד בישיבות ליטא ונהרג בזמן מלחמת העולם. אחי דוד ואייזיק הצטיינו בגדלות תורנית וניספו בשואה. אותו הגורל פקד גם את אחותי רבקה ושאר בני המשפחה. נשארתי אני יחידי משמונה ילדים.

כל מה שסיפרתי הוא כאין וכאפס לעומת מה שרציתי וצריך הייתי לספר על חייהם ומותם. אולם אין לשון בעולם שבה ניתן לתאר את השואה שעברה עלינו, מה שהרגשנו באותו זמן, וכל זמן שאנו קיימים, יישאר זכרונם אתנו. תמיד אנחנו אתם ולעולם לא ימושו מלבנו.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
רמברטוב, אוקינוב, מילסונה: ספר קהילה (7)‏ עמוד מס: 420 הודפס ע״י אוצר החכמה

הרב אליעזר רוזשאַני

דער מרא דאתרא פון אקוניעוו

באַלד נאָך דער פּטירה פון אַלטן רב הרב פריידקורס האָט די אלמנה פון פאַרשטאָרבענעם רב פאַרלאַנגט פון די אקוניעווער שטאָט־טאַטעס, אַז אַלס ממלא מקום זאָל פאַרנעמען דעם כסא הרבנות איר איידעם הרב אליעזר רוזשאַני.

הרב רוזשאַני האָט דעמאָלט געוווינט אין וואַרשע און זיך מפרנס געווען פון אַ געוועלבל. ער פלעגט אַמטירן אַלס רב בלויז אין די ימים נוראים אין שטעטל מראָזי. די אָרטיקע יידן האָבן נישט געקענט ביי זיך פועלן, אַז אין די הייליקע טעג זאָל זייער שטעטל בלייבן אָן אַ מרא דאתרא און זיי פלעגן דעם הרב רוזשאַני אַראָפּברענגען צו זיך ביז איבער די ימים נוראים. נאָך די ימים נוראים האָט זיך ווידער אַלץ צוריקגעקערט צום אַלטן. הרב רוזשאַני איז צוריקגעפאָרן אין זיין געוועלבל און מראָזי איז ווייטער געבליבן אָן אַ רב.

היות ווי הרב רוזשאַני איז געווען אַ מיטגליד אין "מזרחי" אין וואַרשע, האָבן די אָקוניעווער מזרחיסטן גלייך אַקצעפּטירט דעם פאָרשלאַג פון דער אַלטער רביצין, און זענען געפאָרן קיין וואַרשע אים איינלאַדן צו קומען פאַרנעמען דעם כסא־הרבנות.

הרב רוזשאַני האָט דאַן פאַרקויפט זיין דירה מיטן געוועלב און איז מיט זיין משפחה געקומען קיין אָקוניעוו. דאַן איז אויסגעבראָכן די גרויסע מחלוקת. די חסידים אין אָקוניעוו האָבן בשום אופן נישט מסכים געווען, אַז אַ מזרחיסטישער רב זאָל זיין זייער מרא דאתרא און זיי האָבן אים אָנגעהויבן באַיקאָטירן, נישט געוואָלט דאַווענען מיט אים אין זעלבן מנין און בכלל אים אויסגעמיטן.

היות ווי אין אָקוניעוו האָבן געוווינט אַ גרעסערע צאָל אַמשינאָווער חסידים, האָבן די מזרחיסטישע יידן באַשלאָסן אַראָפּצופאָרן צום אַמשינאָווער רבין און אים בעטן, ער זאָל משפיע זיין אויף זיינע חסידים, זיי זאָלן מסכים זיין אויף הרב אליעזר רוזשאַני, וועלכער איז געווען אַ למדן מופלג.

נאָך דעם ווי דער אַמשינאָווער רבי האָט אויסגעהערט די דעלעגאַציע, האָט ער דערקלערט, אַז לויט זיין מיינונג איז הרב אליעזר רוזשאַני ראוי צו זיין אָקוניעווער

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
רמברטוב, אוקינוב, מילסונה: ספר קהילה (7) עמוד מס: 421 הודפס ע"י אוצר החכמה

רב, האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צו דריי פון זיינע חסידים, געבעטן, זיי זאָלן נישט דערפירן צו קיין חלול השם און מסכים זיין אויף הרב רוזשאַני.

די אַנדערע חסידים ווי די גערער, פּאַריסאָווער, ראַדזימינער א. א. האָבן אָבער נישט מסכים געווען מיטן אַמשינאָווער רבינס פסק און באַשלאָסן ווייטער צו קעמפן קעגן רב.

אין דער זעלבער צייט האָט רעמבערטאָוו אָנגעהויבן מאַכן באַמיאונגען זיך אָפּצורייסן פון אָקוניעוו, געוואָלט האָבן אַן אייגענעם רב און אַן אייגענע קהילה. עס זענען וועגן דעם ענין אַוועק פּעטיציעס צום סטאַראָסטווע, צום בילדונגס און רעליגיע־מיניסטעריום, אַדוואָקאַטן האָבן געאַרבעט מעשים און עס איז געווען לעבעדיק און פריילעך.

דאָס בילדונג און רעליגיע־מיניסטעריום האָט באַשלאָסן, אַז רעמבערטאָוו האָט דאָס רעכט אויף אַ באַזונדערע קהילה ביי דער גמינע פון וואָווער.

די צוויי שטעט, וועלכע זענען צענדליקער יאָרן געווען פאַראייניקט, זענען אָפיציעל געוואָרן פונאַנדערגעטיילט. ווען דער ענין איז אָפיציעל אַריין אין קראַפט האָט אָקוניעוו זיך גענומען גרייטן צו וויילן אַ רב. די קאַנדידאַטן זענען געווען: הרב רוזשאַני, געשטיצט דורך דער מערהייט באַפעלקערונג. דער צווייטער קאַנדידאַט איז געווען פון די חסידים. זיי האָבן אָבער געזען, אַז ביי וואַלן וועלן זיי פאַרשפּילן, זענען זיי געפאַרן קיין רעמבערטאָוו און באַוויזן צו ווירקן אויף 40 חסידישע באַלעבאַטים, זיי זאָלן קומען קיין אָקוניעוו אין טאָג פון די וואַלן און שטימען פאַר זייער רב.

פון דעם פּלאַן האָבן זיך אָבער דערוווסט די אָנהענגער פון הרב רוזשאַני, זענען זיי געפאָרן קיין רעמבערטאָוו צוזאַמען מיט דער אַלטער רביצין, האָבן אַפּעלירט צו די רעמבערטאָווער יידן און זיי אויפגעקלערט, אַז הרב רוזשאַני האָט פאַרקויפט זיין דירה מיטן געוועלב און עס קומט אים אויס צו בלייבן אָן אַ פּת לחם. הערנדיק די אויפקלערונג האָבן רעמבערטאָווער יידן באַשלאָסן, אַז זיי מישן זיך נישט בפרט אַז בקרוב וועט אַרויס דער דעקרעט אַז זיי אַליין וועלן זיך קענען קלויבן אַן אייגענעם רב, און האָבן באַשלאָסן אַז זיי וועלן נישט פאָרן קיין אָקוניעוו שטימען קעגן הרב רוזשאַני עס זענען דאָן פאָרגעקומען די וואַלן אין אָקוניעוו און הרב רוזשאַני איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מרא דאתרא פון אָקוניעוו און פאַרנומען דעם כסא הרבנות ביז די נאַציס האָבן אים אומגעבראַכט צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
רמברטוב, אוקינוב, מילסונה: ספר קהילה (7) עמוד מס: 422 הודפס ע"י אוצר החכמה